# עונג שבת

## פרשת בשלח תשס"ז

**גוט שבת אלע אידן.** "ראבערט" איז געווען בערך אכט יאר אלט ווען ער האט איין טאג באמערקט אז זיין מאמע פאקט אוועק באקסעס פיל מיט אלטע ספרים. אפילו אז ראבערט'ס משפחה איז נישט געווען פרום, איז ראבערט נייגעריג געווארן צו וויסן וועמענ'ס ספרים זיי זענען געווען. ער האט געפרעגט זיין מאמע וואס זי טוט און זי האט אים געזאגט אז זי לייגט אוועק ספרים וואס האבן באלאנגט צו ראבערט'ס זיידע, וואס איז נפטר געווארן עטליכע יארן פריער.

"טאקע?" האט ראבערט געוואונדערט. "מיין זיידע האט געלערנט פון די אלטע ספרים?!?" האט ער געפרעגט. "איך וויל אויך לערנען פון די ספרים מאמי!" האט ער געזאגט מיט א תמימות.

"ניין, ניין," האט זיין מאמע געזאגט, "עס איז נישט פאר דיך... דו ביסט צו יונג.." באלד דערנאך האט זיין מאמע אוועקגעגעבן די אלטע ספרים צו א שול אין דעם געגענט. ראבערט איז אויפגעוואקסן אבער ער האט קיינמאל נישט פארגעסן פון די ספרים.

ווען ראבערט איז געווארן אכצען יאר אלט איז ער אוועקגעפארן צו שטודירען ערגעץ אין א ווייטע פלאץ. כאטש אז ראבערט'ס משפחה איז נישט געווען פרום, האבן זיי געהאלטן אביסל כשרות אינדערהיים. וועגן דעם, ווען ראבערט איז אנגעקומען דארט, האט ער אפגעמאכט צו עסן נאר כשר. דערפאר האט ער באשטעלט כשרע עסן ביים פלאץ וואו די סטודענטען האבן אלע געגעסן.

איין טאג, ווען ער איז אריינגעגאנגען צו נעמען זיין כשר'ע עסן האט ער געטראפן א צווייטען איד וואס האט געהייסן סטיוו. סטיוו האט אויך נאר געגעסן כשר. שפעטער איז ראבערט געוואויר געווארן אז סטיוו איז אן עכטער בעל תשובה, וואס היט שבת, וכו'. באלד דערנאך האט סטיוו איינגעלאדענט ראבערט צו קומען דאווענען צוזאמען מיט אים שבת אין דעם ארטאדאקסישען שול אין דעם געגענט.

ראבערט האט מסכים געווען און די נעקסטע שבת זענען די צוויי געגאנגען צוזאמען דאווענען אין יענעם שול. נאכן דאווענען האט סטיוו איינגעלאדענט ראבערט צו קומען צו זיינע עלטערנ'ס הויז אין דעם געגענט צו עסן די שבתדיגע סעודה.

סטיוו'ס עלטערן זענען אויך געווען פריי. וועגן דעם, האבן סטיוו און ראבערט געגעסן די סעודה אויף אנדערע טעלערס ווי סטיוו'ס גאנצע משפחה. דאס וואס סטיוו האט געמאכט אן אזא עסק וועגן דעם כשרען עסן, האט געמאכט א שטארקען רושם אויף ראבערט. ראבערט האט געזען ווי סטיוו האט זיך שטאלצירט פאר אידישקייט מיט היטן שבת און עסן נאר כשר ביי זיין עלטערנ'ס הויז. ראבערט האט אנגעהויבן צו טראכטן: "וואס טו איך פארן באשעפער? ווי שטארק בין איך מוסר נפש פאר אידישקייט?"

בקיצור, צוביסלעך איז ראבערט געווארן מער און מער פרום, ב"ה. אפילו אז ער האט נאך נישט געהיטן אלעס, איז ער ב"ה געווען אויפן וועג. א שטיק צייט שפעטער איז ראבערט געווארן א חתן.

נאך די חתונה האט ראבערט, וואס האט יעצט געהייסן "ראובן" אנגעהויבן נאר צו דאווענען אין דעם ארטאדאקסישען שול. ווייל עס זענען געווען אין די געגענט צוויי שולס, א מער פרומע שול און א וועניגער פרומע שול. בעפאר די חתונה, האט ראובן געדאווענט אין ביידע פלעצער. אבער יעצט האט ראובן געוואלט נאר זיין צווישן פרומע מענטשן, ב"ה. מיט די צייט זענען ראבערט און זיין בני בית געווארן ממש הונדערט פערצענט פרום. דעמאלט האט ראובן געקענט זיך אוועקזעצן און לערנען גמרא רוהיגערהייט אין כולל, אזוי ווי זיין זיידע האט געטון יארן פריער.

די יארן זענען פארבייגעגאנגען... ראובן האט געהאט עטליכע קינדער, ב"ה. איינער פון זיינע בחורים האט געהייסן "משה."

דורך די יארן, האט ראובן געהאלטן קשר מיט סטיוו, וואס האט אים מקרב געווען אין שבת דעמאלט. סטיוו וואס האט געהייסן יעצט "שמעון", האט אויך ב"ה חתונה געהאט באלד נאך ראובן, און ער האט אויך געהאט עטליכע קינדער. שמעון האט אפילו חתונה געמאכט א קינד, ב"ה.

איינער פון שמעונ'ס חתונה געהאט'ע קינדער האט געוואוינט אין ארץ ישראל. ראובנ'ס בחור משה האט דעמאלט געלערנט אין א ישיבה אין ארץ ישראל. שמעונ'ס זון האט אמאל גערופן משה צו א שבת סעודה. א שטיק צייט נאכדעם האט שמעונ'ס זון גערעדט א שידוך פאר משה, מיט שמעונ'ס טאכטער (ד"ה דער שדכנ'ס שוועסטער מיט ראובנ'ס זון משה). און באלד דערנאך איז משה טאקע א חתן געווארן און דורך דעם זענען די אלטער בעלי תשובה חברים ראובן און שמעון געווארן מחותנים!

די תורה רעדט די וואך וועגן שבת קודש, אזוי ווי משה האט געזאגט פאר די בני ישראל: "ראו כי ה' נתן לכם השבת..." זע, אז דער אייבערשטער האט ענק געגעבן דער שבת. (שמות טז,כט) "נתן לכם" איז א לשון פון געבן א "מתנה". די מהות פון שבת קודש איז א מתנה צו די אידן. אזוי ווי חז"ל זאגן "אמר לו הקדוש ברוך הוא למשה: מתנה טובה יש לי בבית גנזי ושבת שמה וכו'" (שבת י:) אידישע קינדער זאלן זיך פרייען אז מיר האבן באקומען אזא גוטע מתנה ווי שבת קודש.

מיר זעהן דעם כח פון שבת קודש אין דעם מעשה וואס מען האט דערציילט אויבן. דורך שבת איז ראובן מקרב געווארן צום אידישקייט און דורך די מצוה פון הכנסת אורחים אין שבת, האבן ראובן און שמעון זיך משדך געווען. **גוט שבת אלע אידן.**

**מזל טוב לכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א לרגל שמחת לידת נכדו אצל בנו הרה"צ רבי יעקב יוסף שליט"א**

**מזל טוב לכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א לרגל שמחת לידת הנינה אצל נכדו הרה"צ רבי חיים מאיר שליט"א בן בנו הרה"צ רבי אהרן מענדל שליט"א**

לע"נ האשה החשובה לאה בת ר' דוד ע"ה ח"י שבט תשד"מ

נתרם לרפו"ש של קלמן יעקב בן טובא עטיל, מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, דוד צבי מנחם בן חיה שרה,
שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים בתשח"י

לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)

**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבבו (שבת קיח:) - נא לעיין בדף זה לאחר התפילה**